# א וואָרט וועגן מענטשן אין אַן אַלטן ספר

כאַטש פרילינג, איז געגאַנגען אַ שניי און אַ רעגן,
איבער די זיילן פון דער נאַכט האָט ווי אַ קאַץ געקלעטערט
דער טרויער און געשראָקן אַלע וועגן.
איך בין געזעסן אַליין, אַן אַלט ספר געבלעטערט.

האָט אַ וואָרט איבער דורות זיך צעגלאַנצט, ווי אַ קרוין
אין מיין שטוב, אַ שטאָלץ וואָרט כאָטש אַן אַלטס,
נאָר איך בין נישט אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טרוים
מיט אַ זילבערנער טאָץ, מיט ברויט און מיט זאַלץ.

און נישט געגליט האָט דאָס וואָרט, ווי אַ בליץ דורך מיין שלאָף,
און אין דער פרי איז עס נישט מיר צוקאָפּנס געזעסן
מיט מעסערס אין די אויגן אויף משפט און שטראָף,
ס'האָט נישט ווי שוועבל געגרייזשעט אין מיינע מעת-לעתן.

איך האָב מיטגעפרילינגט אין טאַנץ פון דעם טאָג,
געשריבן פרייד מיט מיין שטעקן אויף ווארימען זאַמד;
אין מיין פרישטיק האָט זיך נישט אַריינגעטריפט קלאָג,
אַז צעבלוטיקטער ייד האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט

שווער און בלינד ווי אַ וואָלקן און טרעפט נישט צו זיין הויז,
אַז געלעכטער קרייזלט זיך אין די האָר פון די שלעגער,
אַז מיין גאַס אַנטלויפט שנעל און קליין ווי אַ מויז.
און אין פּאַרק שטייען די ביימער ווי ביקסן פון יעגער... — —

נישט דער פרימאָרגן, נישט דער מיטאָג האָבן זיך נישט פאַרשעמט.
און די זון האָט זיך גאָלדיק געטורעמט אין שטאָט.
און נישט אין זון, נישט אין בוים, נישט אין מיר האָט געברענט
דאָס אַלט-ספר-וואָרט: „מענטש איז אַ שטיק גאָט"...